**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר קעטי האקול טוט מוטיגן ניו יארקער איינוואוינער צו מאכן אן ענערגיע פלאן זיך גרייטנדיג אויפן ווינטער

***ניו יארק סטעיט פראגראמען העלפן ניו יארקער פירן זייער ענערגיע באנוץ, פארמינערן ענערגיע בילס, און אויסגעפינען עלעקטריפיקאציע לעזונגען***

***יוטיליטיס און גאז פראוויידערס דערמאנען צו פארזיכערן די נויטיגע רעזערוון און קאסטומער קאמיוניקאציע***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער איינוואוינער זיך יעצט צוצוגרייטן צו האלטן זייערע היימען און ביזנעסער ווארעם אריינגייענדיג אינעם ווינטער. עטליכע ניו יארק סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן שלאגן פאר פראגראמען צו העלפן די איינוואוינער פירן זייערע ענערגיע באנוץ, פארמינערן עלעקטריק און הייצונג בילס, און פארמערן באקוועמקייט דורכאויס די קאלטע טעמפעראטורן דורכן באשיצן און מאכן די בילדינגס מער ענערגיע אפעקטיוו. גאווערנאר האקול האט אויך דערמאנט די סטעיט'ס יוטיליטיס און גאז פראוויידערס צו פארזיכערן אז זיי האבן די נויטיגע רעזערוון און קאמיוניקאציע מיט קאסטומערס צו נאכקומען די פארלאנגען דורכאויס די שפיץ פונעם ווינטער.

"בשעת די וועטער ווערט קעלטער, איז ניו יארק סטעיט גרייט צו העלפן איינוואוינער און ביזנעסער צו פירן זייער ענערגיע באנוץ, מאקסימיזירן ענערגיע אפעקטיווקייט, און פארשטיין די מיטלען וואס זענען דא אוועילעבל אין פאל פון עקסטרעמע וועטערן," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "בשעת וואס קאנסומערס קענען אונטערנעמען זייער אייגענע פלאנירונג, זאלן יוטיליטיס און גאז סופלייערס יעצט סטראטעגירן ווי אזוי נאכצוקומען די קאנסומערס פארלאנגען און פארבעסערן קאמיוניקאציע צו פארמינערן אומפאראויסגעזעענע סערוויס שטערונגען און קענען רעאגירן צו עמערדזשענסיס."

ניו יארקער קענען בענעפעטירן פון פראגראמען פארגעשלאגן דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסורטש און דעוועלאפמענט אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), דעפארטמענט אוו פובליק סערוויס (Department of Public Service, DPS), אפיס פון טעמפארערי און דיסאביליטי אסיסטענס (Office of Temporary and Disability Assistance), און דעוויזיע פון האומלענד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויס (Division of Homeland Security and Emergency Service) וואס שטעלן צו הילף צו האלטן פאמיליעס, ספעציעל די נידעריגע אדער שוואכע אינקאם ווארעם דורכאויס די צייטן פון יאר ווען ענערגיע באנוץ קען זיין גאר הויעך.

ניו יארק סטעיט פראגראמען שלאגן פאר פינאנסירונג און הילף וואס קענען העלפן בעלי בתים, רענטערס, און ביזנעסער פירן זייער ענערגי באנוץ.דאס שליסט איין:

- **אפלייט פאר HEAP.** אנגעהויבן פון נאוועמבער 1, וועט מען אנהייבן אננעמען אפליקאציעס פאר די היים ענערגיע אסיסטענס פראגראם (Home Energy Assistance Program, HEAP) וואס קען געבן ביז $976 פאר בארעכטיגטע בעלי בתים און רענטערס געוואנדן אויף זייער אינקאם, הויגעזונד גרויסקייט, און ווי אזוי זיי הייצן זייער הויז (צום ביישפיל, א פאמיליע פון פיר מיטגלידער מיט א מאקסימום מאנאטליכע גראוס אינקאם פון $5,838 קענען קוואליפיצירן). פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [NYS HEAP](https://otda.ny.gov/programs/heap/).
- **ענערגיע אפארדעביליטי פראגראם (Energy Affordability Program)\לאו אינקאם ביל דיסקאונט פראגראם (Low Income Bill Discount Program).** די פראגראם שטעלט צו פאר אינקאם-בארעכטיגטע פאמיליעס מיט א דיסקאונט אויף זייער מאנאטליכע עלעקטריק און\אדער גאז ביל, ווי אויך אנדערע בענעפיטן, געוואנדן אויפן כאראקטער פון די געוויסע יוטיליטי פראגראם. ניו יארקער קענען ווערן אויטאמאטיש איינגעשריבן אויב זיי געניסן בענעפיטירן פון רעגירונגס הילף פראגראמען. פאר מער אינפארמאציע זאלן זיי באזוכן זייער יוטיליטי'ס וועבזייטל אדער לינקס קען מען געפינען ביי [DPS ווינטער צוגרייטונגען](https://dps.ny.gov/).
- **קאמיוניטי-באזירטע סערוויס פראגראמען.** סערוויס ארגעניזאציעס און לאקאלע קאמיוניטי אגענטורן שטעלן צו פינאנציעלע הילף, קאונסעלינג סערוויסעס און הילף מיט יוטיליטי עמערדזשענסיס. ניו יארקער איינוואוינער קענען זיך פארבינדן מיט ארגעניזאציעס ווי די [אמעריקאנער רויטע קרייץ](https://www.redcross.org/) (800-733-2767), [סאלוועישען ארמיי](https://www.salvationarmyusa.org/) (800-728-7825), און [יונייטעד וועי](https://www.211.org/) (2-1-1 אדער 888-774-7633) צו הערן מער דערוועגן.
- **נעמט באלדיגע שריט צו זיין מער ענערגיע אפעקטיוו.** NYSERDA שלאגט פאר שפארן ענערגיע טיפס פאר [איינוואוינער און בעלי בתים,](https://www.nyserda.ny.gov/) ווי אויך ביזנעסער, וואס קען העלפן פארמינערן ענערגיע באנוץ. NYSERDA שלאגט אויך פאר אן איסוואל פון [היים ענערגיע אפעקטיוויקייט פראגראמען](https://www.nyserda.ny.gov/) וואס קען העלפן שפארן ענערגיע און פארמינערן די קאסטן איבער די צייט. אינקאם-בארעכטיגטע קאסטומער קענען קוואליפיצירן פאר פארמינערטע קאסטן אדער פרייע ענערגיע אפגרעידס פאר זייער היימען דורך די [עמפאוער+](https://www.nyserda.ny.gov/) פראגראם. בעלי בתים זאלן אויך נאכקוקן מיט זייער לאקאלע גאז און עלעקטריק יוטיליטי פירמעס צו באקומען דיסקאונטס אויף פראדוקטן און סערוויסעס
דאס קען זיי העלפן פארקלענערן זייער ענערגיע קאסטן דורכאויס יאר.
- **באקומט אן איבערזעכנטע ליסטע פון ענערגיע-פארבינדעטע הילף אין די סטעיט.** ניו יארק ענערגיע אדווייזער קען העלפן אינקאם-בארעכטיגטע ניו יארקער איינוואוינער געפינען פראגראמען וואס העלפט זיי איבערגעבן ווייניגער אויף ענערגיע און שאפן א געזונטערע און באקוועמערע ארט. מיט [ניו יארק ענערגיע אדווייזער](https://www.nyserda.ny.gov/), ענטפערן די קאנסומערס פשוטע פראגעס און ווערן פארבינדן מיט ענערגיע-גע'שפארטע פארשלאגן אינערהאלב ניו יארק סטעיט. גע'ספאנסערט דורך NYSERDA און יוטיליטיס, קוואליפיצירטע ניו יארקער קענען באקומען הילף מיטן באצאלן זייער יוטיליטי בילס, באקומען ספעציעלע פארשלאגן אויף הייצונג הילף, און נאך.
- **פריאטיריזירן היים הייצונג זיכערקייט.** פראפערטי באזיצער זאלן פארמיידן צו פארבינדן אקופירנדע בנינים צו גאז פראדוצירנדע קוועלער, ווייל דאס קען זיין סכנה'דיג און פאטענציאל טויטליך. די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאל קאנזערוועישען (Department of Environmental Conservation, DEC) טוט אויך מוטיגן פראפערטי באזיצער וואס באנוצן זיך מיט אויל פאר הייצונג צו אונטערזיכן די סטארעדזש טענק פאר פאטענציעלע ליעקס אדער אויסגיסונגען בעפארן באקומען שיפמענטס פון אויל פאר די הייצונג סעזאן. נאך אינפארמאציע קען מען טרעפן [דא](https://dec.ny.gov/).

**ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסורטש און דעוועלאפמענט אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דוריאן מ. העריס האט געזאגט,** "ניו יארקער איינוואוינער ווילן פארבלייבן באקוועם אין זייערע היימען און ביזנעסער ווילן פארבלייבן אפן, דעריבער ביים נעמען יעצט די נויטיגע שריט צו פארזיכערן די מעגליכקייט

אזוי צו טאן בשעת מיר טרעטן אריין אינעם ווינטער סעזאן איז אומשאצבאר. מיר טוען מוטיגן אלע ניו יארקער צו פארשטיין זייער ענערגיע באנוץ און אונטערנעמען ענערגיע אפעקטיווע מיטלען ווי אויך צו נאכזוכן די פארשידענע סערוויסעס און פראדוקטן וואס קען העלפן שפארן ענערגיע און העלפן פארמינערן די אייגענע קאסטן."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אוו סטעיט ראבערט דזשעי. ראדריגעז האט געזאגט,** "בשעת מיר טרעטן אריין אין די קאלטע ווינטער מאנאטן, טוען מיר בעטן ניו יארקער צו זיין גרייט און פאראויס פלאנירן זייער ענערגיע באנוץ צו האלטן זייער היימען און ביזנעסער ווארעם און אין די זעלבע צייט האלטן די עלעקטריק און ענערגיע קאסטן נידעריג. דאס איז אויך א גוטע צייט צו דערמאנען קאנסומערס אז ניו יארק סטעיט שלאגט פאר פארשידענע סערוויסעס און פראדוקטן צו העלפן ניו יארקער אדאפטירן ענערגיע אפעקטיווע מיטלען און אויך באקומען הילף צו פארמינערן די אייגענע קאסטן פאר סטעיט איינוואוינער."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו ענווייראמענטאל קאנזערוועישן קאמישענער בעזיל סעגאס האט געזאגט,** "אין צוגרייטונג צו די קאלטע ווינטער אין די קומענדיגע מאנאטן, טוט גאווערנאר האקול צושטעלן די מיטלען און אינפארמאציע וואס ניו יארקער דארפן זיי צו העלפן בלייבן ווארעם און פארזיכערט. DEC מוטיגט פראפערטי באזיצער זיך צו צוגרייטן פארן ווינטער דורכן מאכן זיכער אז זייערע היים הייצונג סיסטעמס זענען פארזיכערט צו פרמיידן פאטענציאלע אויסגיסונגען און אנדערע פראבלעמען, און צו זוכן פאר ריינערע ענערגיע מיטלען און ענערגיע אפעקטיווע לעזונגען וואס קען העלפן באשיצן אונזערע טאשן און די ענווייראמענט."

**ניו יארק סטעיט היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישענער דזשעקי ברעי האט געזאגט,** "פרירנדע טעמפעראטורן קענען האבן ערנסטע קאנסעקווענצן וואס דאס מאכט דאס גאר קריטיש אז ניו יארקער זאלן צוגרייטן זייערע היימען פאר די ווינטער מאנאטן. ווען אנהייצן זייערע היימען דעם ווינטער, זאלן ניו יארקע אלעמאל געדענקען צו קוקן פאר וועגן צו מאכן זייערע היימען מער ענערגיע אפעקטיוו, ווי אויך פארזיכערן אויב ווען אן אלטערנאטיווע הייצונג קוואל ווערט פארנוצט, אז דאס ווערט גענוצט אין אן גוט-ווענטולירטע ארט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון טעמפארערי און דיסאביליטי אסיסטענס אקטיווע קאמישענער בארבערע סי. גוארן האט געזאגט,** "מיט די נאכט טעמפעראטורן וואס פאלן יעצט אונטער די פרירונג פונקט, איז גאר וויכטיג אז נידריג און שוואכע אינקאם פאמיליעס זאלן יעצט נעמען שריט צו איינגעבן פאר הילף פון HEAP אז זיי זאלן קענען האלטן זייערע היימען ווארעם דורכאויסן ווינטער. יעצט איז אויך א גוטע צייט צו באקומען צוטריט צו אנדערע פראגראמען וואס זענען דא צו באקומען צו העלפן נידערן ענערגיע קאסטן, אריינגערעכנט ענערגיע אפעקטיווע מיטלען צו פארזיכערן אז די הייצונג עקוויפמענט ארבעט ווי עס באדארף, העלפדיג צו שפארן ענערגיע און געלט."

**ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמישען טשעיר רארי מ. קריסטיען האט געזאגט,** "מיר זעצן פאר נאכצוקוקן די יוטיליטיס וואס סערווירן ניו יארק סטעיט צו פארזיכערן די נויטיגע קוועלער און סופליי פון עלעקטריציטעט און נאטורליכע גאז צו נאכקומען די ערווארטעטע פארלאנג פון קאסטומערס דעם ווינטער. ניו יארק סטעיט אונטער די פירערשאפט פון גאווערנאר האקול פארבלייבט לעיזער-שארף פאקוסירט צו פארזיכערן די פארלעסליכקייט פון אונזער ענערגיע סיסטעמען און די באשיצונג פון קאנסומערס דורך ענערגיע אפעקטיווע און ביל נידערונג פראגראמען."

ניו יארק סטעיט'ס יוטיליטיס — אריינגערעכנט קאן עדיסאן, סענטרעל האדסאן, אראנדזש און ראקלענד, נעשינעל גריד, NYSEG, RG&E, נעשינעל פיול גאז, און PSEG-LI — און היים הייצונג פיול פראווייִדערס ווערן אויך דערמאנט צו פארזיכערן די נויטיגע ברענשטאף רעזערוון, עמערדזשענסי

פלענער, און צו קאמיוניקירן מיט קאנסומערס צו העלפן באקומען צוטריט צו הילף פראגראמען, פארמיידן אפגעהאקטע סערוויס און זיי צו האלטןווארעם. די שריט אנטהאלטן:

- דערמאנען די צווי פאציגע-ברענשטאף און קאמערציאלע קאסומערס צו אנפילן זייערע אלטענאטיווע ברענשטאף טאנקען און צו קעיר נעמען און אונטערזוכן די ברענשטאף סטארעדזש טאנקען פאר פאטענציעלע ליעקס אדער אויסגיסונגען בעפארן באקומען ברענשטאף שיפמענטס.
- איבערגיין עמערדזשענסי פלענער וואס אדרעסירן אנדערע ברענשטאף סופליי פראבלעמען, און זיך צוגרייטן צו ארבעטן אינאיינעם מיט לאקאלע און סטעיט רעגירונג'ס אגענטורן צו באשיצן פובליק געזונטהייט און זיכערהייט ווען די טעמפעראטורן פאלן אונטער 20 דעגריס.
- אינפארמירן קאסטומערס איבער ווארעמען צענטערן, הייסע מאלצייטן, און צוטריט צו א ליסטע פון מעסטער פלאמבערס אין פאל די פייפס פרירן אין אומגעהייצטע בנינים.
- מיטארבעטן מיט די ניו יארק אינדעפענדענט סיסטעם אפערעיטער און מעידזשער פאוער גענעראטורן צומוטיגן די צווי פאציגע-ברענשטאף אפערירער צו אנפילן זייערע טאנקען בעפאר דיווינטער הייצונג סעזאן און צו אונטערזוכן די ברענשטאף סטארעדזש טאנקען פאר פאטענציעלע ליעקס אדער אויסגיסונגען בעפארן באקומען ברענשטאף שיפמענטס.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35% – שטרעבנדיג צו 40%– פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו עררייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70%ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע טייל פון די איבערגאנג איז ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 55$ ביליאן אין 145 גרויסארטיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן איבער'ן סטעיט, 6.8$ ביליאן צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 3.3$ ביליאן צו פארגרעסערן די מאס פון זון-ענערגיע, מער פון 1$ ביליאן פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 2$ ביליאן אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און אן איבער 3,000% וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן